

# איר קענט פארמיידן די פארשפרייטונג פון מיזעלס אין זומער קעמפ

**מיזעלס איז העכסט אנשטעקיג און קען זיך גאר גרינג פארשפרייטן אין קעמפ. ווען א מענטש וואס איז קראנק מיט מיזעלס הוסט אדער ניסט, איז דער ווירוס ארויס אין די לופט וואו עס קען בלייבן במשך צוויי שעה. די וואס זענען נישט אימיון קענען באקומען מיזעלס אויב זיי זענען אין יענע געגנט. מענטשן וואס באקומען מיזעלס קענען זיין גאר קראנק און וועלן נישט קענען בלייבן אין קעמפ.**

## באשיצט זיך, אייער משפחה און די קאמיוניטי דורך פאלגן די 5 שריט:

### 1. ווערט געוואויר צי איר און אייער משפחה זענען אימיון.

איר ווערט גערעכנט אימיון אויב איר:

- זענט געבוירן געווארן בעפאר 1957,
- האט א געשריבענע רעקארד פון 1 אדער 2 דאזעס פון מיזעלס-אנטהאלטנדע וואקסין (אנגעוויזן אויף עלטער), אדער
- האט א לעבארעטארי טעסט וואס צייגט אז איר זענט אימיון.

אויב איר זענט נישט זיכער איבער אימוניטעט, רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער איידער איר פארט אין קעמפ.

### 2. אויב איר זענט נישט אימיון, וואקסינירט זיך.

צוויי דאזעס פון די MMR (מיזעלס, מאמפס, רובעלא) וואקסין וועלן צושטעלן די בעסטע באשיצונג קעגן די מיזעלס. מאכט זיכער אז יעדער איינער אין די משפחה איז געהעריג וואקסינירט אדער אימיון איידער מען פארט אין קעמפ.

### 3. ווייסט וואס זענען די ציימנס און סימפטאמען פון מיזעלס.

סימפטאמען באווייזן זיך אין אומגעפער 7 ביז 14 טעג נאך אויסגעשטעלט ווערן, אבער עס קען נעמען אפילו 21 טעג. זיי הייבן זיך אן מיט א הויכע פיבער, הוסט, רינענדיגע נאז און רויטע/וואסערדיגע אויגן. אן אויסשלאג הייבט זיך אן געווענליך אין 2 ביז 4 טעג נאכ'ן אנפאנג פון די פיבער, פארשפרייטנדיג זיך פון פנים און האלדז אויפ'ן קערפער, ארעמס און פיס. סיי וועלכע קינד וואס שפירט זיך קראנק זאל מעלדן א העלט אדער קעמפ דירעקטאר פאר זאפארטיגע מעדיצינישע באהאנדלונג און צו באשיצן אנדערע קעמפערס.

### 4. בלייבט אינדערהיים אויב איר זענט קראנק.

ווייל מיזעלס פארשפרייט זיך שנעל און איז אנשטעקיג אפילו איידער דער אויסשלאג הייבט זיך אן, בלייבט אינדערהיים ביים ערשטן צייכן פון פיבער אדער הוסט. קומט נישט אין קעמפ. עס איז וויכטיג צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון מיזעלס צו אנדערע מענטשן.

### 5. רופט איידער איר זוכט מעדיצינישע הילף.

אויב איר מיינט אז עמיצער האט מיזעלס, רופט איידער איר זוכט מעדיצינישע הילף כדי דער אפיס, קליניק אדער עמערדזשענסי רום זאל נעמען מאסנאמען אז אנדערע מענטשן זאלן נישט אויסגעשטעלט ווערן צו מיזעלס.



---

רופט אייער העלט פראוויידער אדער אייער ארטיגן העלט דעפארטמענט אויב איר דארפט א וואקסין אדער ווילט זיך לערנען מער איבער פארמיידן מיזעלס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען אויך אויף:

**health.ny.gov/measles**

3/19

NEW YORK STATE | Department of Health

2219